№ 18 (פערטער יאַרגאַנג) פרייז 10 גראָשן BIALER WOCHENBLAT

# ביאַלער וואָכנבלאַט

נאַציאָנאַל נייטראַלער וואָכנבלאַט פאַר ביאַלע-פּאָדל. און אומגעגנט.

אַבאָנאָמענטס-פרייז:

| | |
|---|---|
| מאָנאַטלעך | 40 גראָש |
| פערטל-יאָרלעך | 1.20 זל. |
| אויסער ביאַלע מאָנאַטלעך | 1 זל. |
| פאַר א קוואַרטל | 2 זל. |

אַנאָנסן-פרייז:

פאַר א וואָרט טעקסט 10 גראָשן

פאַרן אינהאַלט פון די אַנאָנסן און אָפענע בריוו איז די רעדאַקציע נישט פאַראַנטוואָרטלעך.

די צייטונג טראָגט נישט קיין געשעפטס-כאַראַקטער און איז נישט אויסגערעכנט אויף פאַרדינסט.

אַדרעס פאַר בריוו און געלט-זענדונגען:
Red. „BIALER WOCHENBLAT"
Biała-Podl., Grabanowska 39.
Konto rozrach. № 1.
Skrz. poczt. 26.

Biała-Podlaska, dnia 14 maja 1937 r.

ביאַלע-פּאָדל., פרייטאָג פ' במדבר תרצ"ז, 14 מאַי

● KINO MIEJSKIE ●

דעמאָנסטרירט פון היינט ביז דעם 18 ה. מ. איינשליסלעך יאַן הערשאָלט אינם פילם

## „די פאַרגעסענע סימפאָניע"

פון 19-טן ביז דעם 21 איינשליסלעך

„אַדיו" — א פילם — א שיינע דערציילונג

פון 21-טן ביז דעם 25 ה. מ.

אַננאַבעלאַ אינם פילם

„די נאַכטפאַר דער שלאַכט"

## מעלדונג

זונטאָג דעם 16 ה. מ. (א. שבועות) פּינקטלעך 5 נ. מ. קומט פאָר אין לאָקאַל פון דער ביבליאָטעק „תּרבּות"

די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג

פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע

איינלאַדונגען ווערן פאַנאַנדערגעשיקט.

צו דער בר-מצוה פון מיין פלימעניק ליבעלע ליכטענבוים ווינטש איך די עלטערן און דער גאַנצער פאַמיליע צו האָבן פון אים פיל נחת זאָל ער דערצויגן ווערן לתורה, לחופה ולמעשים טובים

בּעני בּאָרענשטיין.

דער פאַמיליע ליכטענבוים!

צו דער

בר-מצוה-פייערונג

פון אייער יונגסטן זון ליב — ברכות פון דערציען אים אַלס נאַציאָנאַלן ייד און אַלס ווירדיקן זון פון זיין פאָלק

שיקט

חיים מיאָדעק.

קיילטשע ווינאָגראַד!

צו אייער חתונה מיט ה' ב. בינשטאָק

— מיין האַרציקסטן ווונטש

ש. טענענבוים (יאַנאָוו-פּאָדל).

צו דער חתונה

פון קיילע ווינאָגראַד מיט ה' בערל בינשטאָק ווינטשן מזל-טוב און אַ גליקלעך צוזאַמענלעבן

פאַמיליע טשערוואָנאָגורא.



## פרוי, פרעג זיך אַליין

### צי ביסטו גליקלעך?

ווערסט קיינמאָל נישט זיין גליקלעך, טראָגן אַלע דיינע מעלות, טראָגן די שענע טאָאַלעטן, ווען עס וועלן דיר מיאוס מאַכן די האָר אויפן פּנים, אונטער די אָרעמס, אויף די הענט, פיס, אויבערשטער ליפ אָדער אַנדערע ערטער. די ווערסט פטרן איינמאָל אויף אַלעמאָל (אָן צוריקער) אין אַן ווייטאָק די אומנויטיקע באַהאָרונג — וזיט דער הילף פון אונזער פּרעפּאַראַט

„בעמיטאָד"

נאָכן באַנוצן אים וועלן די האָר אויף די דערמאָנטע ערטער שוין קיינמאָל נישט אָנוואַקסן. דאָס איז אַ זיכער מיטל, אַ הונדערט פּראָצענטיקעס.

מיר בעטן אָנצוגעבן אייער אַדרעס מיר וועלן איבערשיקן אַ בראָשור אומזיסט.

כעמישעס לאַבאָראַטאָריום

„בעמיטאַר"

Warszawa, Okuniewska 10.

## מאָבּיליזאַציע פון אַלע מענער

צום קאַמף מיט דער עפּאָכע-מאַכנדער דעראָבערונג!

וועסט זיין שטאַרק ווי אַ לייב
וועסט זיך פרייען ווי אַ קינד.

יעדער מאַנסביל וועט אָנגעבן זיין אַדרעס, שפּעטסטנס ביז 25 מאַי און ער וועט באַקומען אַ הורכוועריקע זאַך פון טאַגטעגלעכן געבוריך וואָס איז אומבאַדינגט נויטיק פאַר יעדן מאַנסביל אָן אויסנאַם, אַ פאַרהייראַטער צי קאַוואַליער, אַלט צי יונג, רייך צי אָרעם — יעדער מוז באַזיצן די

עפּאָכע-מאַכנדע דערפינדונג

ווייל דאַן וועט ער קאָנען זאָגן, אַז ער איז אַן אמתער מאַנסביל

אונזער דערפינדונג: ווערט נישט קאַליע, מקאָן אים נוצן איבערן גאַנצן לעבן

וואָס איז די סענסאַציע פון טאָג?

זי וועט דיר געבן די גרעסטע זאַטיספאַקציע אינם לעבן.

גיב נאָר אָן דיין אַדרעס, שרייב אויף אַ פּאָסט-קאַרטל.

ביאָכעמישעס לאַבאָראַטאָריום

„נעמיטאָר"

Warszawa, Okuniewska 10.

## באַקאַנטמאַכונג.

דאָס נייע געעפנטע געשעפט אונטער דער פירמע

## „עפעקט"

באַזיצט אַ גרויסן אויסוואַל פון דאַמען-און-קינדער-קאָנפעקציע, קינדער שפּיל-צייג ווי אויך ספּעציעלע פאַרטעכער און ווייסע קעלנער פאַר שול-קינדער

צו ביליגע פרייזן.

קומט און איבערציגט אייך אויף ראָג גראַבאַנאָווער ראָג שול-הויף

דער פאַמיליע לאַנדאַו אין לאָשיץ!

צום טויט פון אייער הייסגעליבטן מאַן און פאָטער

בעריש ז"ל נ"ע

אויסדריקן מיר טיפסטן מיטגעפיל

חיים מיאָדעק.

באַקאַנטמאַכונג

די קינדסטיקע וואָך פאַר איך אָפּ אַלס טוריסט קיין סאָוו.רוסלאַנד. די יעניקע פּערזאָנען, וועלכע ווילן מיטגעבן גרוסן צו זייערע דאָרט וווינענדע נאָענטע, קענען עס טון אין פאַרלויף פון די יום-טוב-טעג פון 10—12 פרי.

מיט אַכטונג

ב. באָרענשטיין

אַכטונג ביאַלע און אומגעגנט!

איך מאַך באַקאַנט אַלע מיינע קליענטן, אַז מיין

יובילער וואַרשטאַט

איז צוריק טעטיק

אויף יאַטקאָווע 14.

מענדל גאָלדשמידט.

„STER"

רעדאַגירט פון ד"ר מ. קליינבוים

פרייז 30 גר. צו האַקומען אין אַלע צייטונגס-קיאָסקן

אַדרעס פון רעדאַקציע: וואַרשע. קרולעווסקא 29 אַ.

### אויפקלערונג

כפאָדער אויף דעם ה' בעריש באָרענשטיין, דאָס ער זאָל גיין מיט מיר אין פאַרלויף פון דריי טעג צו אַן הערן-געריכט. אין קעגנפאַל וועל איך זיין געצוווּנגען דעם ענין איבערצוגעבן אין געריכט.

לייב ליפּיעץ.

אַלע קומען מאָנטאָג דעם צווייטן טאָג שבועות אויפן דאַנסינג פון „טאָז"!

